בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



עקב
י"ח אב תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:01 |
| מוצש"ק | 8:16 |
| ר"ת | 8:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:28 | סוז"ת א' 9:54 |
| סוזק"ש ב' 9:17 | סוז"ת ב' 10:26 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קצ"ח

שנה ד'


## טיב הפרשה

# געדענקען די אמאליגע ישועה,

## וזכרת כי עבד היית

אין די וואכענדיגע סדרה רעדט די תוה"ק ארום איבער די שווערע פארמעסטן וואס כלל ישראל גייט האבן מיט די איבריגע פעלקער.

דער מנהיג ישראל משה רבינו רעדט צום כלל ישראל און ערמוטיגט זיי אז זיי זאלן נישט מורא האבן פון די מלחמות מיט די פעלקער. די תוה"ק זאגט 'כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה' אז אויב איר וועט פרעגן די שאלה אז די פעלקער ארום אונז זענען אזויפיל און ווי אזוי קען מען זיי ירש'נען? זיי זענען דאך אזוי שטארק און אזוי מעכטיג? ענטפערט די תוה"ק אויף דעם אז די עצה דערפאר איז זיך צו דערמאנען אין די ניסים וואס הקב"ה האט געמאכט פאר דעם כלל ישראל אין מצרים און ווי אזוי זיי האבן באזיגט פרעה און זיין מיליטער.

ווען מ'לערנט בפשטות די תוה"ק זעט מען אז עס גייט ארויף אויף די מלחמה וואס כלל ישראל האט געהאט מיט די זיבן פעלקער אין ארץ ישראל און די ווערטער פון משה רבינו איז שייך פאר יענע צייטן, אבער מיר ווייסן אז די תוה"ק איז נצחי, אז יעדער ווארט אין איר איז שייך פאר אלע דורות.

דאס ברענגט אונז צו די מסקנא אז זיכער איז אויך די מימרא פון משה רבינו נוגע פאר יעדן איד און פאר יעדן מצב. דער רבי פון כלל ישראל לערנט דא מיט'ן איד א מהלך פאר'ן לעבן ווי אזוי א איד זאל אנקוקן דאס לעבן און ווי אזוי א איד זאל זיך שטארקן אין א צייט פון נויט.

משה רבינו געבט פאר'ן איד די עצה פון צוריקגיין צו די אמאליגע יארן. געוויס ווי ער האט דערמאנט פאר די מדבר אידן אז זיי זאלן צוריק קוקן צו די צייטן ווען זיי זענען געווען אין מצרים און זענען געווען הילפלאז און הקב"ה האט זיי מציל געווען אויף א וואונדערליכער אופן, זאלן זיי דאס טון אין זייער פריוואטער לעבן.

יעדער איד עלי אדמות האט דורכאויס זיין לעבן געהאט שווערע מאמענטן, צייטן, ווען עס האט אויסגעזען ווי ער געבט זיך נישט קיין עצה, ווי די שוועריגקייט וואס ער האט געהאט האט אויסגעזען צו זיין עק וועלט און ענדע איז ער ארויסגעקראכן פון די פלאנטער.

אלעס וואס דער איד דארף טון איז זיך אויפפרישן און זיך דערמאנען אין די יעניגע יארן און אויך אין די יעניגע מצבים. פאר זיינע אויגן זאל ער האלטן די יעניגע צייטן און זיך דערמאנען ווי פארלוירן און הילפלאז ער האט זיך געשפירט און ווי אזוי די ישועה האט געגעבן א שפראץ ארויס קעגן אלע ערווארטונגען, זאל ער טראכטן אז די זעלבע וועט זיין אויך דא, אז קעגן יעדע אויסקוק וועט די ישועה קומען צוגיין.

דער מנהיג ישראל לערנט אויס פאר'ן איד די בליק וואס א איד דארף צו האבן אויף יעדע זאך אין די וועלט. דער מענטש האט די בחירה צו קוקן אויף די זאך אין א באגרעניצטער פארנעם, אבער ער קען קוקן אויף איר ברייטער און אויסברייטערן זיין בליק. דער איד קען עס אנקוקן מיט א מענטשליכער בליק, אדער עס אנקוקן מיט א

## טיב המערכת

### וויאזוי זאגט מען מוסר?

דער שטייגער פון הרה"ק דער רבי ר' זושא פון אניפאלי איז געווען, אז ער האט זיך געדרייט איבער די שטעטלעך, מיטן ציל מעורר צו זיין די אידישע איינוואוינער צו תשובה און צו מעשים טובים. דער הייליגער צדיק האט דערקענט אויף יעדן איינעם און געוואוסט וואס עס זענען זיינע עבירות, ער האט אים אבער נישט געוואלט מוסר'ן מיט דירעקטע ווערטער, כדי אים חלילה נישט צו פארשעמען, דעריבער האט ער יעדן מאל געפינען עפעס א געלעגנהייט אז ער זאל זיך שוין געפינען נעבן דעם מענטש ווען ער האט געוואלט מוסר'ן, און זייענדיג אין זיין געגנווארט האט ער אנגעהויבן ביטער צו קלאגן אויף זיין ביטערן מצב, זאגנדיג צו זיך אליין, איי זושא זושא, וויאזוי ביסטו דורכגעפאלן אין יענע און יענע עבירה, דאס איז דאך אזא הארבע עבירה, וויאזוי האסטו נישט מורא געהאט פון דיין באשעפער... און אזוי רעדנדיג האט ער געוויינט אלץ שטארקער און שטארקער, שילדערנדיג דעם געוואלדיגן פגם פון די עבירה, און ווי שטארק דאס האט גורם געווען חלילה צער השכינה.

דער צוהערער איז שטארק נתעורר געווארן פון זיין געוויין און געשריי, וויבאלד ער האט פארשטאנען אז די ווערטער גייען ארויף אויף אים אליין, ווייל ער איז דאך דער וואס האט אזוי שטארק געזינדיגט אין די עבירה, און אין דער זעלבער צייט וואס דער הייליגער צדיק האט ביטערליך געוויינט, האט זיך דער איד אנגעשלאסן צוזאמען מיט אים, און ער האט אויך געקלאגט און זיך אפגערעדט אויף זיין געפאלענער מצב, און ער האט גלייך געבעטן א דרך תשובה פאר זיינע נארישע מעשים.

אזוי איז אויך באוואוסט פון אסאך צדיקים וואס זייער שטייגער איז געווען צו מוסר־זאגן פארן עולם, און יעדער צדיק האט עס געטון אויף זיין אייגנארטיגער וועג, מיט א ספעציעלע תחבולה כדי דער צוהערער זאל פארשטיין וואס ער דארף טון, אנדעם וואס ער זאל ווערן געטשעפעט און פארשעמט פון די מוסר רייד.

און אזוי זעען מיר אויך ביי די מוסר־רייד פון משה רבינו אין משנה תורה, אז ער האט זייער אכטונג געגעבן אז אידישע קינדער זאלן נישט פארשעמט ווערן פון זיינע ווערטער, אזוי ווי מיר זעען גלייך אין אנהייב פון די משנה תורה, וואו רש"י איז מפרש וויאזוי משה האט געזאגט זיינע ווערטער ברמז כדי נישט צו פארשעמען די אידן.

אויך אין די וואכעדיגע פרשה געפינען מיר דאס, אזוי ווי מיר זעען אז נאכדעם וואס משה רבינו דערציילט וויאזוי ער האט געמאכט די צווייטע לוחות, שטייט אין פסוק 'וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נָסְעוּ מִבְּאֵרֹת בְּנֵי יַעֲקָן מוֹסֵרָה שָׁם מֵת אַהֲרֹן וגו'', און רש"י ווייזט אויף אז דער פסוק איז נישט כִּפְשׁוּטוֹ, וויבאלד די מציאות איז דאך געווען פארקערט, אז פון מוֹסֵרוֹת זענען די אידן אנגעקומען צו בְּנֵי יַעֲקָן, און אויך דאס אליין וואס דער פסוק זאגט אז די הסתלקות פון אהרן איז געווען אין מוֹסֵרָה, איז נישט כִּפְשׁוּטוֹ, ווייל אין אמת'ן ארויין איז זיין הסתלקות געווען אין הֹר הָהָר. דעריבער, זאגט רש"י הקדוש, מוז מען זאגן אז דאס זענען געווען מוסר־רייד בדרך רמז, און זע דארט וואו ער איז מסביר אז דערמיט האט ער גע'מוסר'ט די אידן פארוואס זיי האבן געוואלט צוריקגיין קיין מצרים, אבער פונדעסטוועגן איז דאס אלעס געזאגט געווארן בדרך רמז, כדי זיי זאלן חלילה נישט פארשעמט ווערן.

דעריבער, כאטש מיר דארפן טאקע מוסר'ן אן אנדערן ווען מיר זעען אז ער פירט זיך נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין, פונדעסטוועגן דארפן מיר שטענדיג אויסזוכן פארשידענע וועגן און זיכערמאכן אז אונזערע ווערטער זאלן חלילה נישט גורם זיין אז אונזער חבר זאל פארשעמט ווערן, און דעמאלטס איז קָרוֹב לְוַדַּאי אז אונזערע דיבורים וועלן אויפטון די ריכטיגע פעולה.

(עפ"י טיב התורה – עקב)


טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

הימלישער בליק אז גארנישט אין די וועלט ווענדט זיך אין וואס ער זעט פאר זיינע אויגן און אז אין די רגע קען זיך דער זאך געבן א טויש מקצה אל הקצה.

דער יצר הרע האט א כח צו צוברענגען דער מענטש לידי שכחה, ער זאל פארגעסן די ישועה וואס ער האט אמאל געהאט, אבער ווען א מענטש דערמאנט זיך פון איר, עס פרישט זיך אויף ביי אים, שטארקט ער זיך מיט די געדאנק.

עס איז טרעפליך אראפצוברענגען דא די ווערטער פון דער הייליגער אור החיים הק' [דברים ח. יח] וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל, וז"ל – פירוש שצריך לתת לבו על טובתו, כי מה' היתה לו. ודבר זה יעירהו תמיד להכיר בוראו והשגחתו עליו, ותחילת תחבולות יצר האדם הוא להשכיחו דבר זה, ודרך זה יכנס לאבדו. ואולי, כי לזה סמך מאמר שאחרי זה: 'והיה אם שכוח תשכח', פירוש 'אם שכוח' דבר זה שה' הוא המטיב לך וגו', סופך שתשכח את ה', וסופך ללכת אחרי אלהים אחרים, ולא במחשבה לבד אלא במעשה, כאומרו ועבדתם וכו'.

אין די ספרים הק' איז אויך דא די בחינה איז די מידת הבטחון איז א וועג ניצול צו ווערן פון יעדע צרה וצוקה און דער שליסל צו הצלחה אין אלע מעשים, און אז מ'זאל קענען מקבל זיין אלע הייליגע השפעות וואס קומט אראפ מלמעלה.

עס איז ידוע די הייליגע ווערטער פון הרה"ק ר' זושא און דער הייליגער ר' אלימלך זי"ע ברענגט עס אראפ אין נועם אלימלך פרשת בהר אויף די ווערטער 'וכי תאמרו מה נאכל' און די תוה"ק איז שפעטער מעיד אז עס וועט מקויים ווערן דער 'וצויתי את ברכתי' אז הקב"ה איז משפיע פאר א איד ברכה, אבער די שפע האקט זיך אפ ווען א איד גלייבט נישט אין די שפע.

מיט דעם טייטשט ער די ווערטער 'וכי תאמרו מה נאכל' אז ווען א איד פרעגט מה נאכל? אז ער גלייבט נישט אין די שפע! ער גלייבט נישט אז עס קען זיין! דארף הקב"ה משפיע זיין אויף אים שפע, אבער אויב דער איד וואלט נישט געפרעגט די שאלה וואלט די שפע געקומען אן אויפהער.

מ'דארף צו וויסן אז בטחון האט אין זיך א מורא'דיגע כח, אז אויך אזעלכע וואס זענען נישט אין די דרגה און זענען נישט ווערד אז מ'זאל זיי משפיע זיין צוליב זייערע זינד, זענען ממשיך ישועה דורך בטחון, ווייל בטחון אין הקב"ה האט אין זיך א כח המשכה.

זאל הקב"ה העלפן אז מ'זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין אלע ישועות און אויסשטייגן מעלה מעלה מיט'ן כח הבטחון און ממשיך זיין דורך איר אלע גוטס.




טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# אן באַרגערײ – שיך פאַר די קינדער

איך בין אריינגעפאלן אין שווערע חובות פון אויסשרייבן טשעקס פאר אנדערע.

זענדיג די גרויסע בראך האב איך געמאכט ביי מיר א פעסטע החלטה אז מער גיי איך נישט בארגן קיין געלט פון א צווייטן אדער אויסשרייבן טשעקס פאר פירמעס.

איך האב געמאכט די החלטה אינאיינעם מיט מיין בני בית, מיר האבן אינאיינעם באשלאסן אז יעדע מאל מיר דארפן עפעס - וועלן מיר דאווענען פאר הקב"ה און אים בעטן ער זאל אונז העלפן מיט דעם.

אויב וועט ער שיקן דאס געלט וועלן מיר וויסן אז דאס איז באשערט פאר אונז - אז נישט - נישט.

פון ווען איך האב זיך פאַרגענומען די זאך האב איך געזען אסאך אפענע הימלישע זאכן ווי אזוי הקב"ה האט מיר מזמין געווען וואס כ'דארף.

איך קען נישט דערציילן אלע זאכן, אבער איין מעשה וויל איך יא מיטטיילן. עס איז געווען ווען איך האב זיך וויכטיג גענויטיגט אין שיך פאר מיין קינד. מיין פרוי האט מיר געוויזן אויף אירע שיך אז עס איז צעריסן און צעשליסן. איך האב איר געזאגט אז כ'גיי מתפלל זיין פאר דעם. זי האט מיר אנגעקוקט אביסל מאדנע, אבער איך בין געווען ערנסט מיט דעם.

נאכ'ן אפזאגן דאס בין איך ארויס פון שטוב, איך בין ארויס צו די ארבעט, איך גיי ארויס און אט טרעף איך מיין שכן. ער האלט אין זיין האנט א פאר שיך און צייגט עס מיר, פרעגנדיג צי איך דארף עס האבן?

ער דערציילט מיר אז עס איז טייערע שיך, עס איז ניי, מען האט עס נאך קיינמאל נישט גענוצט, זיי האבן עס געקויפט אין אויסלאנד, אבער עס איז צו קליין פאר זייער טאכטער - צי איך קען עפעס טון מיט דעם.

איך האב גענומען די שיך און עס געגעבן פאר מיין פרוי, זי האט עס אנפראבירט אויף מיין קינד, און וואונדער, אז עס איז געווען פונקט גוט פאר איר.

מיין בני בית האט באוואונדערט ווי שיין עס איז און אז עס זעט אויס צו זיין גאר א גוטע און א שטארקע שיך.

נאר נאך דעם ווען זי האט עס אנגעטון פאר'ן קינד, האב איך דערציילט פון וואו איך האב עס. צוזאמען האבן מיר געדאנקט הקב"ה פאר די חסד וואס ער האט געמאכט מיט אונז, אז מיר האבן נישט געמוזט בארגן, נאר זיך געקענט דערקוויקן מיט וואס מיר האבן.

דאס איז איינס פון די מערערע מעשה'ס און אפענע השגחה פרטית וואס האט אונז באגלייט לענגאויס די שווערע תקופה.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ק.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# מקיים זיין א מצוה במסירת נפש – ב'

"לְאַהֲבָה אֶת ד' אֱלֹקֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם" (יא, יג)

איז מפרש דער הייליגער **בעל ההפלאה זצוק"ל** אין זיין ספר **פנים יפות** (אויפן אויבנדערמאנטן פסוק), וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "וּבְכָל נַפְשְׁכֶם. הוּא גַּם כֵּן כמ"ש (ברכות נד.) 'בְּכָל נַפְשְׁךָ – אֲפִלּוּ הוּא נוֹטֵל אֶת נַפְשְׁךָ'. וְיִרְמֹז בָּזֶה מ"ש חִזְקִיָּה (שם י.) 'מְקֻבְּלַנִי אֲפִלּוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ, אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים', וז"ש אֲפִלּוּ הוּא נוֹטֵל אֶת נַפְשְׁךָ".

***

**פארזעצונג פונעם "טיב המעשה" פון פאריגע וואך.**

מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כָּךְ הָיָה, האט דער זקן אנגעהויבן מיט זיין וואונדערליכן ערציילונג.

מיט צענדליגער יארן צוריק, האט דער נפטר געדינט אלץ דער **"גבאי צדקה"** פון אונזער שטאט, און וויבאלד ער איז געווען א געוואלדיגער ירא שמים און א תלמיד חכם און צדיק, און אויך פון די חשוב'ע ראשי הקהל, האבן אים אלע מענטשן פון שטאט שטארק געשעצט, און זיך פארלאזט אויף אים.

ער האט זיך גענומען די מצוה פון צדקה אלץ די מצוה פון זיין לעבן, אויף וועלכע ער האט געהארעוועט במסירת נפש. אין יעדן פאל וואס א איד האט געדארפט האבן הילף, האט מען אים געשיקט צו דער הויז פון אונזער הויפט גבאי. און ער האט זיך גלייך ארייגעלייגט בעובי הקורה, ער האט קלארגעשטעלט אז אלע איינצלהייטן שטימען, און ער האט גלייך אנגעהויבן טון השתדלות יענעם ארויסצוהעלפן. און ווען מען האט געדארפט האבן הילף מיט געלט, האט ער נישט געקווענקלט זיך אליין ארויסצולאזן צו די מלאכה פון שאפן דאס געלט. זיין צורה איז געווען גוט באקאנט צווישן די גבירים פונעם שטאט, און זיי האבן אלע געוואוסט אז ווען אט דער געטרייער גבאי קומט צו גיין, קען מען זיך פארלאזן אויף זיין נאמנות אז ער האט גוט נאכגעקוקט אלע איינצלהייטן און עס איז אוודאי א **מִצְוַת צְדָקָה לִמְהַדְּרִין**.

אזוי האט דער איד זוכה געווען צו העלפן פילע משפחות אין שטאט און זיי שטעלן אויף די פיס, און בעיקר איז דאס געווען א דאנק זיין שטארקע הצלחה מיטן שאפן געלט, וויבאלד ער האט בסייעתא דשמיא געהאט אן אפענע טיר ביי די עשירים פון די שטאט, וועלכע האבן אים באשאנקען מיט גאר שיינע נתינות פאר זיינע הייליגע צדקה צוועקן.

***

איין טאג, אין די פריע אוונט שעות, איז זיך דער חשוב'ער גבאי צדקה געזעצן ביי אים אינדערהיים, און האט זיך געזעצט עסן נאכטמאל מיט זיין משפחה, ווען פלוצלונג האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר, און אין הויז איז אריינגעקומען א באקאנטער איד פונעם נאנטן דערפל, ווען אויף זיין געזיכט איז געווען קענטליך אז ער איז זייער שטארק צובראכן. אויסברעכנדיג אין א שטארקן געוויין, האט ער דערציילט אז דער פריץ וועלכער איז דער הערשער אין דערפל, סטראשעט אים אז ער גייט אים אריינווארפן צוזאמען מיט זיין גאנצן משפחה אינעם שרעקליכן ארעסט־קאמער [צינוק], אויב ער וועט נישט תיכף באצאלן דער חוב וואס ער איז שולדיג, ביז צו די לעצטע פרוטה.

ווי זיין שטייגער אין אזעלכע פעלער, האט דער גבאי צדקה אפגעלאזט אלע זיינע באשעפטיגונגען, און ער האט זיך גלייך אריינגעלייגט ארויסצוהעלפן דער איד וואס איז געשטאנען פאר אים. ער האט שנעל אנגעטון זיין מאנטל, און ער האט זיך ארויסגעלאזט מיטן ארימען איד איבער די הייזער פון גבירים אין שטאט, צו שאפן דאס געפאדערטע געלט.

ווען זיי האבן געענדיגט ארומגיין איבער די הייזער, האבן זיי געזען אז זיי האבן שוין דאס גאנצע געפאדערטע סומע! צום גרויס פרייד פונעם גאסט, און צו די געוואלדיגע שמחה פון דער חשוב'ער גבאי, וועלכער האט געדאנקט דעם אויבערשטן מיטן גאנצן הארץ פאר די געוואלדיגע מצוה וואס ער האט זוכה געווען דערצו.

***

עס איז נישט דורכגעגאנגען מער ווי א קורצע צייט, און ווידעראמאל האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר. דאסמאל איז דארט געשטאנען, פארשעמטערהייט, א יונגער 'חתן', וואס אויפצומארגנס אין אוונט האט געדארפט פאָרקומען זיין חתונה דא אין שטאט, נאר דער אנדערער צד האט זיך פאר'עקש'נט אז מען דארף צושטעלן דעם גאנצן סומע וואס מען האט אפגערעדט צווישן זיי, נאך פאר די חתונה...

און וויבאלד די חתונה איז שוין צוויי מאל אפגעשטופט געווארן צוליב די זעלבע סיבה, סטראשען זיי יעצט אז אויב וועלן זיי נישט באקומען די גאנצע געלט, לאזן זיי גלייך אפ דעם שידוך!

אונזער חשוב'ער גבאי צדקה האט זיך געפינען אין א פארלעגנהייט, און ער האט געגעבן צו פארשטיין דעם חתן ווי פאלגנד: ממש יעצט בין איך צוריקגעקומען פון א שפאציר איבער די הייזער פונעם שטעטל, פאר א איד א נצרך וואס איז געשטאנען פאר אן ענין פון סכנת נפשות, וויאזוי וועל איך יעצט ארויסגיין נאכאמאל פאר א צדקה צוועק? מען וועט מיר דאך אנקוקן ווי א מְשַׁלְּחָהּ וְהִיא חוֹזֶרֶת...

הערנדיג די ווערטער, האט זיך דער חתן גענומען בעטן און וויינען ביטערליך, אז מען זאל אים ראטעווען פון די געפערליכע בושות וואס ער וועט חלילה האבן אויב מען וועט אפלאזן דעם שידוך, און ער האט שטארק געבעטן דעם חשוב'ן גבאי, אז ער זאל זיך משתדל זיין פאר זיינעטוועגן כדי צו ראטעווען א בית נאמן בישראל!

ווען דער גבאי, וועלכער האט אלעמאל עוסק געווען אין זיין הייליגע ארבעט מיט געטריישאפט און מיט מסירת נפש, האט געהערט די ווערטער פונעם חתן, האט ער געזאגט צו אים: אויב אזוי, וועלן מיר שוין יעצט ארויסגיין נאכאמאל איבער די אידישע הייזער! מיר וועלן טאקע האבן נישט ווייניג בזיונות... אבער נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, וועלן מיר דאס אלעס אראפשלינגען כדי אנצוקומען צום געפאדערטן סכום געלט.

זיי האבן זיך טאקע גלייך ארויסגעלאזט איבער די הייזער פון די גבירים, און ווירקליך האט מען אין אסאך הייזער זיי באפאלן מיט שווערע ווערטער – דו ביסט דאך נארוואס אהערגעקומען בעטן צדקה, און שוין קומסטו גלייך נאכאמאל? – דער גבאי האט זיך שטארק פארענטפערט, ערקלערנדיג די וויכטיגקייט פונעם יעצטיגן פאל וואס איז אנגעקומען צו אים. ענדליך האבן זיי געענדיגט דורכגיין דעם גאנצן רונדע, און האבן זיך געטראפן מיט ביידע קעשענעס גוט אנגעפילט... סיי די קעשענע פון די געלט, און סיי די קעשענע פון די בזיונות...

האט זיך דער גבאי צדקה שטארק געפריידט, אז ער האט זוכה געווען אין איין אוונט צו העלפן ביידע אידן מיט זייערע חשוב'ע און געהויבענע צוועקן, און שפעט ביינאכט האט ער זיך צוריקגעקערט אהיים מיד און ערשעפט פון זיין מלאכת הקודש, און דערמיט איז ער אריין אין בעט וועלנדיג זיך אויסרוען צום קומענדיגן טאג.

***

ער האט קוים איינגעדרימלט פאר א קורצע צייט, און ווידעראמאל האט זיך געהערט א שטילע קלאפעריי אין טיר, צום דריטן מאל פארן היינטיגן אוונט...

דאסמאל איז עס געווען א איד פונעם שטעטל, וועלכער האט לעצטנס געעפנט א קליינעם 'געשעפט' אין שטאט, און דערפאר האט ער זיך אנגעבארגט מיט אסאך געלט פון זיינע נישט־אידישע שכנים. צום באדויערן האט דער עסק געקראכט און ער האט עס געדארפט פארמאכט אן קיין שום פארדינסטן, און תיכף זענען אלע גוי'אישע מאָנער געקומען צו גיין, און זיי ווילן אים יעצט הרג'נען חלילה, אויב ער וועט נישט תיכף ומיד באצאלן די חובות!

אונזער גבאי דער צדיק, האט זיך ווי פארשטענדליך נישט געבייזערט פארוואס מען קומט צו אים אזוי שפעט ביינאכט, אויך האט ער נישט גערעדט אפילו א ווארט צו דערציילן אז ער האט זיך נארוואס געלייגט שלאפן... זיינע אלע מחשבות און געפילן זענען יעצט געווען באשעפטיגט בלויז מיט די צרה וואס האט יעצט געלאנדעט אויף זיין טיש בהשגחה פרטית, און וואס האט יעצט אנגעקלאפט אויף זיין רחמנות'דיגע הארץ.

גייענדיג אזוי אהין און אהער אין זיין הויז, פארטראכט אין זיינע געדאנקען, האט ער גענומען טראכטן הויך אויפן קול: לאמיר זען, וואס מען קען יעצט טון! דאס איז דאך קלאר אז צו גיין יעצט איבער די טירן פון די נדיבים איז פשוט אוממעגליך! נישט נאר צוליב די שפעטע שטונדע [שעה], נאר אויך ווייל נאכן גיין צוויי גאנצע רונדעס אין איין אוונט, קען מען נישט ארויסגיין אויף נאך א רונדע [סיבוב]...!

אונזער גאסט האט אבער נישט נאכגעלאזט, נאר ער האט ווייטער געבעטן: איך בעט דיר, ראטעווע מיר! מיין לעבן געפינט זיך יעדער רגע אין א געוואלדיגע סכנה, וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא!

דאס רחמנות פון אונזער חשוב'ער גבאי צדקה

האט זיך שטארק דערוועקט, ער האט אבער נישט געהאט קיין שום עצה וואס צו טון, וויאזוי צו העלפן דער איד וואס איז געשטאנען פאר אים, און אים ארויסנעמען פון זיין געפערליכן קלעם.

נאך פילע מחשבות און ספיקות, אן ארויסברענגען קיין שום פאקטישע און פראקטישע עצה, און פארשטייענדיג אז אפילו אויב מען וועט זיך ארײנלייגן אין די בזיונות פון א דריטן רונדע... קען מען דאך אבער אין אזא שפעטע שטונדע נישט ארויסלאזן צו קלאפן אויף די טירן, און אין דער זעלבער צייט איז דאך די לעבן פון דער איד אין א שרעקליכן געפאר! האט דער גבאי דעריבער מחליט געווען אז מיר פון אונזער זייט דארפן אויפשטיין און עפעס טון, וְלַה' הַיְשׁוּעָה!

מיט שטורעמישע געפילן איז ער אויפשטאנען פון זיין פלאץ, ער האט זיך ווידעראמאל געמאכט גרייט ארויסצוגיין, און געזאגט צו זיין גאסט: לאמיר ארויסגיין אין שטאט אריין, און מיר וועלן אויסזוכן גוטע אידן וועלכע זענען נאך מעגליך וואַך אין אזא שפעטע שטונדע... און דער אויבערשטער וועט אונז זיכער העלפן!

אזוי זענען די צוויי מענטשן ארויסגעגאנגען צום קאלטן און פוסטן נאכט, קיין נֶפֶשׁ חַיָּה האט זיך נישט אנגעזען אינעם גאנצן ארום, אין א צייט ווען מערסטנס מענטשן זענען שוין געגאנגען שלאפן. אלע גאסן זענען געווען טונקל, אזוי ווי די הייזער און די שולן, אלעס איז געווען ליידיג און פוסט. גארנישט!

נאכן זיך לאנג דרייען אהין און אהער, האבן זיי זיך פלוצלונג אנגעטראפן אינעם ארטיגן שענק [בית מרזח]... דארט איז נאך געווען ליכטיג, קענטיג איז נאך דארט עפעס פארגעקומען...

זאל מען אריינגיין? פרעגט דער גבאי צדקה פון זיין באגלייטער, אזוי ווי איינער וואס קווענקלט זיך.

וואס עפעס? האט דער איד געענטפערט מיט א בהלה. געוואלד! דאס איז דאך א שענק! דא וואלגערן זיך דאך די שיכורים און טרינקען זיך אן מיט וויין און שארפע געטראנקען! עס איז מסוכן זיך אנצוהייבן מיט אזעלכע מענטשן! און אוודאי איז דאס נישט קיין פאסיגע ארט צו קלויבן צדקה...

נישטא וואס צו דערלייגן! האט דער גבאי גע'פסק'נט. לאמיר אריינגיין, און זען צי מען קען עפעס אויפטון!

און אזוי רעדנדיג, האט ער מיטגעשלעפט מיט זיך דעם איד, און אזוי זענען זיי אריינגעגאנגען אינעווייניג.

ווי נאר זיי האבן זיך געטראפן אינעווייניג איז זיי געווארן שווארץ פאר די אויגן. א שטארקע גערוך פון משקה האט אריינגעדרינגען אין זייערע נאזלעכער, און זיך אנצוזען מיט די שיכורים וואס האבן זיך געוואלגערט מיט זייערע גלעזער משקה אויף דער ערד, מיט הויכע געלעכטער און שפאט, האט זיי נישט צוגעגעבן קיין גוטע געפיל.

ווען די שיכורים האבן געזען די חשוב'ע געסט וואס זענען נארוואס אנגעקומען, זענען זיי אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער מיט גרויס שמחה. אזעלכע געסט קומען נישט אריין אין אזעלכע ערטער טאג־טעגליך...

שלום עליכם, חשוב'ע געסט! אפשר ווילט איר זיך מכבד זיין מיט א גוטן גלעזל! – האבן זיי געפרעגט שמייכלדיג.

ניין! האט דער גבאי פעסט געענטפערט. נישט דערפאר זענען מיר געקומען! דערביי האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה אין קורצן, און ער האט זיי געבעטן ארויסצוהעלפן דעם איד אין זיין קלעם.

די שיכורים האבן זיך גענומען לאכן און לאכן. וואס מיינט איר, אז דא איז א בית המדרש? דא נעמט מען צוזאם נדבות? זאל ער גיין ארבעטן און שאפן געלט! פונקט די זעלבע ווי אונז פויערן, וואס ארבעטן ביטער שווער פאר אביסל ארימע בלויט מיט אביסל וויין!

פלוצלונג איז אויפגעשטאנען א פויער, וועלכער איז געווען גוט שיכור, און האט זיך אנגערופן מיט שפאט: נאר איין מינוט, איך האב פאר דיר אן אויסגעצייכנטן פלאן! מיט אן איינגעהאלטענעם געלעכטער האט ער געוואונקען צו זיינע חברים, וועלכע האבן זיך שנעל פארזאמלט צו הערן וואס ער האט צו זאגן...

ער האט זיך געווענדן צו אונזער חשוב'ער גבאי צדקה, און אים פארגעשלאגן זיין פלאן: איך לייג דא איין די גאנצע געלט וואס דער איד דארף האבן, ביז צו די לעצטע פרוטה! אבער מיט איין תנאי – אז מארגן אינדערפרי וועסטו אליין אנטון אט דעם שווארצן מאנטל... וואס מיר האבן דא 'ארויסגעשלעפט' פונעם טאשקע פון דער גלח וואס איז נישט לאנג צוריק אוועקגעגאנגען פון דא... און מיט אט די 'גלח קליידער' וועסטו זיך דרייען איבער אלע גאסן פון שטאט, אהין און צוריק... אויב דו וועסט דאס דורכפירן, באקומסטו דאס גאנצע געלט!

יא! מסכים! האט דער גבאי זיך תיכף אנגערופן, וואס וועל איך דען נישט טון צו ראטעווען א איד! דאס געלט איז אנגעגרייט געווארן, און יעדער האט געווארט פארן שיינעם 'פאָרשטעלונג' [הצגה] וואס וואַרט זיי אפ אויפצומארגנס.

***

ווי נאר עס איז געווארן טאג, האט די שמועה באקומען 'פליגלען', און יונג און אלט, צוזאמען מיט די נעכטיגע שיכורים, האבן זיך פארזאמלט אינעם צענטער פון שטאט. דער גבאי איז טאקע געשטאנען אין זיין ווארט, און נאכן זיך אנטון דעם שווארצן גלח מאנטל, אויסזעענדיג ממש אזוי ווי א געהעריגער גלח, האט ער זיך ארויסגעלאזט פאר א 'רונדע' איבער די גאסן פון די שטאט, אבער דאסמאל פאר אן אנדער סארט רונדע אינגאנצן...

אזוי איז ער געגאנגען איבער אלע גאסן פון שטאט, ווען די גאנצע 'חבורה' שלעפט זיך נאך אים און לאכן און שפעטן פון אים, און פאר די דורכגייער האבן זיי 'געגעבן צו פארשטיין' אז דער איד איז משוגע געווארן לא עלינו, און איין פרימארגן האט ער באשלאסן אז ער איז א 'גלח'... די גאנצע וועג האבן זיי געשפיגן אויף אים, און אים באווארפן מיט פארשידענע חפצים, פון אלע זייטן, פארשאפנדיג אים געפערליכע בושות און בזיונות. – ער איז אבער געווען מלא שמחה, דערפאר וואס ער האט זוכה געווען צו ראטעווען נאך א איד פון א שרעקליכע סכנה! באקומענדיג דאס גאנצע געלט פונעם האנט פון דער וואס מען האט עס אוועקגעלייגט ביי אים פון פאראויס.

ווען דער גבאי האט געענדיגט דעם 'שפיל' כדת וכדין, איז ער אריינגעגאנגען ביי זיך אינדערהיים מיט א געבויגענעם קאפ. די שווארצע מאנטל האט ער טיף אריינגעשטופט אין שאפע, און האט זיך צוריקגעקערט צו זיין געווענליכן טעגליכן סדר.

***

עטליכע יאר זענען דורכגעגאנגען, און איינמאל איז דער **הייליגער צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל** געקומען דארט אין שטאט אויף א באזוך, און איז אנגעקומען אינעם הויז פון אט דעם געטרייען גבאי, צוליב א געוויסער ענין פון צדקה.

ווי נאר דער הייליגער צדיק איז אריינגעגאנגען אין הויז, האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט און זיך אנגערופן מיט זיין באוואוסטע דביקות'דיגע געשריי: **א "ריח גן עדן" געפינט זיך דא! מען זעט דא א גרויסן אור! איך שמעק דא א גערוך פון גן עדן, וואס טוט זיך דא?**

דער איד האט זיך זייער געוואונדערט הערנדיג די ווערטער פונעם צדיק. וועלכע אורות שפירט ער דא, און וועלכער ריח גן עדן? אבער יעצט האט זיך דער רבי אנגערופן, ווייזנדיג אויף די קליידער שאפע, און געזאגט: פון אט דעם שאפע קוטמט ארויס א ריח גן עדן!

מען קען עפענען דעם שאנק? פרעגט דער הייליגער דברי חיים. אוודאי! ענטפערט דער גבאי צדקה.

האט דער צדיק געעפנט די שאפע, און געזוכט און געזוכט, ביז ער האט אין א פארשטופטן ווינקל געטראפן דעם אלטן שווארצן גלח־מאנטל... מיט זיינע הייליגע הענט האט עס דער צדיק אנגעכאפט, און געזאגט: פון דא קומט ארויס דעם געהויבענעם ריח!

זאג נאר, וויאזוי קומט אן א גלח מאנטל, אין אידישע הענט? – האט זיך דער צדיק געוואונדערט.

האט אים דער איד דערציילט דעם גאנצן השתלשלות פונעם שווארצן מאנטל, וואס ער האט שוין אנגעיאגט צו פארגעסן אז עס ליגט נאך אזוי ביי אים אינעם קליידער־שאפע...

דער הייליגער דברי חיים איז שטארק פארפלאמט געווארן, הערנדיג דעם געוואלדיגן מסירת נפש פונעם איד פאר די מצוה פון צדקה, און ער האט געזאגט צו אים **אז ער זאל שרייבן אין זיין צוואה, אז נאך זיינע הונדערט און צוואנציג זאל מען אים באערדיגן אין אט דעם מאנטל! און דאס זאל זיין זיינע תכריכים!** און ער האט אויסגעפירט, **דו קענסט זיכער זיין, אז ווילאנג דו ביסט אנגעטון מיט אט דעם מאנטל, וועט קיין שום מזיק אדער מלאך חבלה זיך נישט קענען דערנענטערן צו דיר!!!**

***

און אט האבן מיר יעצט אליין געזען, האט דער אלטער אנפירער פונעם חברה קדישא אויסגעפירט זיין דערציילונג, אז די ברכה פונעם הייליגן צדיק איז פולשטענדיג מקוים געווארן! אט איז דער גוף פונעם גבאי צדקה געבליבן בשלימות!

דעריבער איז פשוט און קלאר, אז מיר דארפן אים לאזן אזוי, איינגעהילט אינעם מאנטל מיט וועלכע ער האט געטון זיין הייליגע מצוה מיט מסירת נפש, אז עס זאל אים ווייטער באשיצן און היטן אויך אין זיין נייעם קבר!

**וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם!**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173